אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
וארא
כ"ד טבת שנת תשפ"ה

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א
בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323

בס"ד

# א מענטש דארף אפי' נישט 'ווען' אנדערש פון ווי אזוי דער אייבערשטער פירט איהם!!!

### » פאר האט די אייבערשטער גערעדט מיט משה רבינו שטרענג

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה' (שמות ו, ב). און עס שטייט אין **מדרש** (שמו"ר ו, ד, הובא ברש"י בפסוק ט) "האט די אייבערשטער געזאגט פאר משה, א שאד אויף די וואס וואס זענען שוין פארלוירן געווארן אין געפונען זיך מער נישט, איך האב זיך אסאך מאל אנטפלעקט פאר אברהם יצחק יעקב מיטן נאמען 'אל שדי' און איך האב זיי נישט געזאגט אז מיין אמען איז הוי"ה, אזוי ווי איך האב דיר געזאגט, און מיט דעם אלעם האבן זיי נישט נאכגעטראכט נאך מיר".

**און** די מדרש רעכענט דארט אויס דוגמאות ביי אברהם יצחק און יעקב, וואס זיי האבן געהאט פראבלעמען אין זייער לעבן, און מיט דעם אלעם האבן זיי זיך נישט אפגערעדט, און די מדרש פירט אויס: "און די גלייך ווען איך האב דיר געשיקט האסטו מיר געפרעגט וואס איז מיין נאמען, און דערנאך האסטו געזאגט "ומאז באתי אל פרעה הרע לעם הזה וגו'"-פון ווען איך בין געקומען צו פרעה, האסטו נאך מער פארערגערט פארן פאלק".

**און** אין ספר **דרכי מוסר** שרייבט ער אויף דעם, ווי פאלגענד: "לכאו' איז זייער שווער צו פארשטיין די טענה אויף משה רבינו, ווייל עס איז דאך אינגאנצען אנדערש דאס זיך אפרעדן פון משה רבינו ווי די דוגמאות פון די אבות, ווייל אוודאי האבן זיך די אבות הק' נישט אפגערעדט אויף זייער מצב אין זייער פרטי'שע לעבן, און משה רבינו וואלט זיך אויך נישט אפגערעדט ווען עס האנדעלט זיך ווען פון זיין פרטי'שע לעבן."

"**דאגעגן** דא רעדן מיר פון דעם אז משה רבינו וואס איז געווען די מנהיג און די רבי פון כלל ישראל, האט זיך אנגענומען פאר זיי, וואס אוודאי טאר א מנהיג נישט אדורך לאזן בשתיקה די צרות הכלל, און מקבל זיין באהבה דאס וואס זיינע שאף מאכן מיט, אדרבה, ווען משה רבינו וואלט גארנישט געטוהן פאר דעם, וואלט דאס הערשט דעמאלטס פאררעכענט געווארן פאר איהם פאר א זינד, און די רצון פונעם אייבערשטן איז אוודאי אז מען זאל מתפלל זיין פאר איהם און איהם צוריק האלטן כביכול פון צו אויספירן דאס וואס די מדת הדין פאדערט."

"**נאך** מער איז שווער, מיר טרעפן דאך נאך די עגל, אז משה רבינו האט דעמאלטס אויך געזאגט פארן אייבערשטן לָמָה ד' יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ (שמות לב, יא) און מיר זעען נישט דארט אז די באשעפער האט זיך אפגערעדט אויף דעם."

**נאך** דארף מען אריינטראכטן, אינעם פארקערטן ריכטונג: מיר זעען אז ווען נדב און אביהוא זענען נפטר געווארן, שטייט אין די תורה אויף אהרן הכהן וַיִּדֹּם אַהֲרֹן (ויקרא י, ג), און לכאו' דארף מען פארשטיין, וואס איז דען די שבח אויף אהרן הכהן אז ער האט זיך נישט אפגערעדט אויפן הנהגה פונעם אייבערשטן, עס איז דאך פון די פשוט'ע אמונה פון א איד, אז אויף אין א יעדן מצב זאגט מען 'כל מה דעביד רחמנא לטב עבד', און חז"ל זאגן דאך שוין "אז א מענטש איז מחויב צו לויבן אויפן שלעכטס פונקט אזוי ווי מען לויבט אויפן גוט'ס".

### » אויף דער וועלט זעען מיר נאר א חלק פונעם בילד

**מיר** וועלן מקדים זיין מיט די ווערטער פונעם רמח"ל וואס ער שרייבט אין זיין ספר **דעת תבונות** (סימן קכח), ווי פאלגענד: "אין אמת'ן זעה, אז אויך אין מעשים, איז נישט דא קיין שלעכטס אויף דער וועלט, נאר אין שטיקלעך פון זאכן ווילאנג עס איז נאכנישט צוזאמגענומען געווארן פאר איין זאך, אבער עס איז נישט דא קיין 'מושלם'דיגע' זאך וואס איז שלעכט, און דאס איז וויבאלד מיר ווייסן אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוהט אז נאר גוט, ממילא דאס וואס עס זעהט אויס פאר א פעלער'דיגער זאך, איז ווייל עס פעלט נאך א חלק פונעם בילד, און ווי נאר עס וועט פארענדיגט ווערן וועט דאס אוודאי זיין גוט."

**און** אין ספר **אלה הדברים** איז ער מסביר באריכות די ווערטער פונעם רמח"ל, און ער שרייבט ווי פאלגענד: "מען דארף וויסן, אז די גאנצע מושג פון 'שלעכטס' אויף דער וועלט, דאס הייסט דאס וואס א מענטש טראכט אז די און די מעשה אדער געשעעניש איז גוט אדער שלעכט, דאס איז נאר ווייל דער מענטש זעהט נאכנישט די גאנצע בילד, נאר א חלק פון דעם, אבער ווען ער וואלט געקענט זעהן די גאנצע בילד, נישט נאר וואס איז געווען נאר איך וואס עס איז, און וואס עס גייט זיין, וואלט ער אנטפלעקט אז עס איז באמת נישט דא קיין שום שלעכטס אין דער וועלט, נאר יעדע מעשה און געשעעניש האט א מטרה און א תכלית וואס איז פארן תועלת און טובה פונעם מענטש. און ווען עס וועט פארענדיגט ווערן די גאנצע בילד וועט ער פארשטיין אז עס איז פון אנפאנג אן נישט געווען קיין שום צרה נישט, נאר אדרבה א געוואלדיגע טובה און חסד."

"**און** כדי דאס ממחיש צו זיין, לאמיר גוט אריינטראכטן אין די באקאנטע גמ' (ברכות דף ס:) ווי עס ווערט דערציילט, אז ר' עקיבא איז געווען אויפן וועג און האט געוואלט נעכטיגן אין א שטאט, און די מענטשן פון שטאט האבן איהם נישט געוואלט געבן ווי איינצושטיין, האט ער געזאגט 'אלעס וואס דער אייבערשטער טוהט איז צום גוטן', און ער איז געגאנגען נעכטיגן אין וואלד."

"**ר'** עקיבא האט געהאט א ליכט א הינדל און אן אייזל, איז געקומען ווינט און האט אויסגעלאשן די ליכט, דערנאך איז געקומען א קאץ און אויפגעגעסן די הינדל, און צום לעצט אין געקומען א לייב און פארציקט דעם אייזל, און אויף אלעם האט ר' עקיבא זיך מחזק געווען מיטן אמונה און געזאגט מיט שטארקייט 'אלעס וואס דער אייבערשטער טוהט איז צום גוטן'."

"**צופרי** איז ער געוואר געווארן אז עס זענען געקומען רויבער צום שטאט, און גענומען די גאנצע שטאט אין געפענגעניש, האט ר' עקיבא געזאגט, צו דען האב איך אייך נישט געזאגט אז אלעס וואס די באשעפער טוהט איז צום גוטן, ווייל ווען מען וואלט מיר געלאזט נעכטיגן אין שטאט, וואלט מען מיר אויך געפאנגען, און ווען די ליכט וואלט געברענט וואלט מען מיר געקענט באמערקן אפי' אין וואלד, און ווען די הינדל אדער די אייזל וואלטן געלעבט וואלט מען מיר אויך געקענט באמערקן דורך זייערע געשרייען. ביז דא איז די מעשה אין די גמ'."

**איז** דער ספר 'אלה הדברים' ממשיך און מבאר: "אז מען טראכט אריין אין די מעשה, זעהט מען, אז פון אנפאנג האט באמת אויסגעזעהן די גאנצע קייט פון געשעענישן אז עס איז אויסגעצויגן א גאר שטארקע מידת הדין אויף ר' עקיבא, און א פשוט'ע מענטש וואלט געקענט ווערן גאר שטארק פארלוירן און פארצווייפעלט פון די גאנצע געשעעניש, אבער ר' עקיבא מיט זיין גרויס קלוגשאפט און פעסטע אמונה, האט פארשטאנען אז נישט נאר אז עס איז נישט קיין צרה, נאר אדרבה, עס איז אודאי א טובה, וויבאלד עס איז געווען קלאר ביי איהם, אז די אייבעשטער טוהט נאר גוטס, און דאס וואס מיר זעען עס נישט, איז ווייל מיר זעען נישט דעם גאנצען בילד, אזוי ווי עס האט זיך למעשה צום סוף ארויסגעשטעלט דעם אמת.

"**מען** קען עס צוגלייכן צו איינער וואס קוקט אריין אין א שליסל לאך פון א טיר, און זעהט א פעדער שרייבט עפעס, וואס ווען נישט וואס ער ווייסט און איז קלאר אז א פעדער קען נישט שרייבן אליין, און ער ווייסט אז ער קען נישט זעהן אלעס וואס טוהט זיך אין צימער, און ער זעהט נאר ממש א קליינע חלק פון דעם, - וואלט ער זייער נתפעל געווארן פון וואס ער זעהט."

### » עס איז א מצוה מדאו' מצדיק צו זיין דעם דין אויף א יעדע פאסירונג

**און אורחות צדיקים** שטייט (שער השמחה) אויף דעם ענין ווי פאלגענד: "אזוי אויך, ווען א מענטש האט יסורים זאל ער זיך אויך פרייען, און אזוי האבן די חכמים געזאגט (סנהדרין קא.) "יסורים איז באליבט", און נאך האבן די חכמים געזאגט (תענית ח.) "ווער עס פריידט זיך מיט די יסורים, ברענגט א ישועה אויף דער וועלט", און ער זאל זיך צוגעוויינען צו זאגן 'גם זו לטובה', אדער 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'."

"**און** אזוי האבן אונזערע רבי'ס גע'דרש'ענט אויפן פסוק אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְנַחֲמֵנִי (ישעיהו יב, א), עס איז א משל צו צוויי מענטשן וואס האבן געוואלט פארן מיט א שיף, איינעם האט מען אריינגעלאזט און א צווייטן נישט, האט יענער אנגעהויבן צו שעלטן, נאך א שטיק צייט האט ער געהערט אז די שיף האט זיך דערטראנקן און יעדער איז געשטארבן, האט ער אנגעהויבן צו לויבן דעם באשעפער, ווייל ער האט איינגעזעהן אז דאס איז געווען פאר זיין טובה איהם צו לאזן לעבן."

"**דעריבער** זאל זאל זיך יעדע מענטש פרייען מיט די יסורים אדער אנדערע נזקים וואס געשעהן צו איהם, ווייל ער קען קיינמאל נישט וויסן וואס גייט ארויסקומען פון די אלע זאכן. און אזוי האט נחום איש גמזו געטוהן."

**און** אין **סמ"ג** (עשה יז) זעען מיר, אז ער האלט אז "עס איז א מצות עשה מדאור' צו מצדיק זיין א יעדע פאסירונג וואס געשעהט פאר א מענטש, און ער דארף טראכטן אז אלעס איז פאר זיין טובה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ח, ה) "וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלקיך מייסרך", אז פונקט אזוי ווי ווען א טאטע שטראפט זיין קינד טוהט ער דאס נישט פון נקמה אויס, נאר וועגן די טובה פון זיין קינד, כדי איהם מחנך צו זיין, דא זעלבע איז מיטן אייבערשטן."

### » די חילוק צווישן די דרגה פון 'גם זו לטובה' און די דרגה פון 'כל מה דעביד רחמנא וכו'

**אין** ספר **שומר אמונים** (דרוש הבטחון פ"ז) שרייבט ער ווי פאלגענד: "די זאלסט וויסן, אז עס שטייט אין הייליגן ספר 'פתגמין קדישין' בשם די הייליגער בעל שם טוב, אז עס איז דא צוויי בחינות אין די מדה פון בטחון, איין בחינה איז (תענית כא.) 'גם זו לטובה' און די צווייטע בחינה איז (ברכות ס:) 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'. און ער איז מאריך דארט מסביר צו זיין די חילוק צווישן די צוויי בחינות ווי פאלגענד:"

"**די** בחינה פון 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' איז, אז א מענטש גלייבט אז פונעם אייבערשטן קען נישט ארויס גיין קיין שלעכטס, נאר ווען די זאך ווערט נשתלשל פונעם עולם העליון, שטייען אויפן וועג מקטריגים - וועלכע ווערן דורך די עבירות פון די מענטשן - און זיי דרייען איבער די צירוף ח"ו, און מען ווארט פון הימל אז דער מענטש זאל האבן אמונה, און אויב איז דער מענטש זיך מחזק מיט אמונה און בטחון, אז אוודאי קען נישט זיין אז דאס איז א שלעכטע זאך, ווייל פונעם אייבערשטן גייט נישט ארויס קיין שלעכטס, און אוודאי וועט צום סוף ארויסקומען פון דעם עפעס א גוטס - דאס איז גורם אז די דין זאל נמתק ווערן, און עס זאל צוריק איבערגעדרייט ווערן פון מדת הדין צו מדת הרחמים, און דורך דעם ווערט די צירוף צוריק איבערגעדרייט צום גוטן, און דורך דעם ווערט אנטפלעקט די גוטס פון די זאך, אבער 'מכלל לאו אתה שומע הן'."

"**אבער** די בחינה פון 'גם זו לטובה' איז אסאך טיפער. אז דער מענטש גלייבט אזוי שטארק און לעבט אין די אמונה אז די עצם יסורים דאס אליין איז א גרויסע טובה, און עס איז באמת קיינמאל נישט געווען קיין שלעכטס. און עס שטייט דארט (אין ספר פתגמין קדישין) אז דאס איז גאר א טיפער בחינה". ביז אהער איז די לשון פונעם ספר 'שומר אמונים'.

**און** אין ספר **בים דרך** (בראשית ב', מאמר כד אות ג) איז ער מסביר אביסל קלארער די טיפקייט פון די אויבנדערמאנטע חילוק, און ער שרייבט ווי פאלגענד: "די מדרגה פון 'כל דעביד רחמנא לטב' איז, אז דער מענטש גלייבט אז אלעס איז צום גוט'נס, און פרייעט זיך מיט זיינע יסורים, און דאנקט דעם אייבערשטן אז ער באצאלט איהם אויף דער וועלט אוף זיינע עבירות, כדי אז ער זאל זוכה זיין אויף יענע וועלט צו אלעם גוטן, אבער דאס אלעס איז וויבאלד ער פארשטייט אז עס איז נישט קיין אנדערע ברירה, און ער מוז האבן יסורים, און באזיך טראכט ער אז הלוואי וואלט ער נישט געדארפט האבן די יסורים, נאר וויבאלד ער גלייבט אז דאס איז פאר זיין טובה און עס איז נישט מעגליך אנדעם, דעריבער איז ער מקבל באהבה, און דאס מיינט 'לטב עביד' אז ער גלייבט אז צום סוף וועט ארויסקומען א גוט פון דעם."

"**דאגעגן**, די מדריגה פון 'גם זו לטובה' איז, אז דער מענטש האט בכלל נישט קיין אייגענע 'רצון' אז עס זאל זיין אנדערש פון וואס די באשעפער האט געטוהן, און וויבאלד פון הימל האט מען געוואלט אז ער זאל האבן יסורים, פרייעט ער זיך מיט דעם 'און וויל נישט קיין אנדערע מעגליכקייט' און דער מענטש זאגט פארן אייבערשטן 'אויב פאר דיר איז גוט מיטן ברענגן אויף מיר יסורים, איז דאס אויך פאר מיר גוט' און אזא מענטש איז אפי' נישט מתפלל אז די באשעפער זאל איהם אוועקנעמען די יסורים, ווייל ער האט נישט קיין שום אייגענע רצון, און דאס איז טאקע גאר גאר א הויעכע מדריגה."

> "...אז דער מענטש האט בכלל נישט קיין אייגענע 'רצון' אז עס זאל זיין אנדערש פון וואס די באשעפער האט געטוהן, און וויבאלד פון הימל האט מען געוואלט אז ער זאל האבן יסורים, פרייעט ער זיך מיט דעם 'און וויל נישט קיין אנדערע מעגליכקייט..."

**און** לויט דעם קען מען פארשטיין פארוואס די תורה הק' לויבט אויס אהרן הכהן מיט - לכאו' - א פשוט'ע דרגה פון זיך נישט אפרעדן אויפן הנהגה פונעם אייבערשטן, ווייל די תורה וויל ארויסברענגען אז אהרן הכהן איז צוגעקומען צו אט די גרויסע דרגה, אז ער האט זיך געפריידט מיט די עצם צרה, און האט אפי' נישט געוואלט אז עס זאל זיין אנדערש ווי וואס עס איז געשעהן.

**און** לויט וואס מען האט מסביר געווען, ענדיגט צו די ספר 'דרכי מוסר', און איז מסביר אז די טענה פונעם אייבערשטן איז נישט געווען אויף די עצם זיך אננעמען פון משה רבינו אויף די אידן, אדרבה, דאס איז וואס איז טאקע ערווארטעט פון א געטרייע מנהיג. נאר די טענה איז געווען אויפן לשון 'למה הרעות' וואס פון דעם קען זיך דאכטן אז עס איז געווען א שלעכטע זאך, און אין אמת'ן האט די אייבערשטער געפאדערט פון משה רבינו די העכסטע דרגה אין אמונה, אז עס איז נישט דא אזא זאך ווי שלעכטס.

### » וועלכע ניגון האט די גרף פאטאצקי געזינגען פאר ער איז אוועק אויף קידוש ה'?

**אין** ספר **מחשבת מוסר** (ח"ב ע' סח, פון הגאון מרן הרב ש"ך זצ"ל) ברענגט ער די פאלגענדע מעשה: "אין די שטאט סלוצק איז אין מיינע צייטן געווען אן אלטע איד, א בן תשעים, די זוהן פון הגאון רבי ראובן מדננבורג, און האט זיינע אלע יארן געליטן צרות, אבער א יעדע מוצאי יום כיפור פלעגט ער אריינגיין צום שטוב פונעם רב, און ער פלעגט דארט טאנצען און זינגען מיט א ספעציעלע ניגון די ווערטער 'אבל אנחנו עמך בני בריתך בני אברהם אוהבך שנשבעת לו בהר המוריה' וואס מען זאגט פארן דאווענען, וואס ווערט אנגערופן די ברכה פון קידוש ה', און ער פלעגט זאגן אז מיט די ניגון איז די גרף פטאצקי געגאנגען פארברעט ווערן אויף קידש ה'.

"**ווי** באקאנט איז די גרף פעטאצקי געווען א זוהן פונעם מלך אין יענעם געגענט, און ער האט זיך מגייר געווען, און מען האט איהם פראבירט קודם מיט גוטנס צוריק צוצווינגען צוריקצוציען פונעם גירות, און וויבאלד ער האט נישט געוואלט, האט מען גוזר געווען איהם צו פארברענען לעבעדיגערהייט אינמיטן שטאט. און די גר"א האט איהם געשיקט זאגן אז ער קען איהם ראטעווען, אבער ער האט נישט געוואלט מוותר זיין אויפן זכות צו ווערן פארברענט אויף קידוש ה'.